— יא, אקעגן וואס־זשע איז דאס געקומען צו רייד? אקעגן דעם, וואס איר זאגט: אן אייגענע דירה... אוודאי איז גלייכער איין ווינקעלע אן אייגנס, אײדער שלעפן זיך אין שכנות. ווי זאגט איר: „מיינס איז נישט יענעמס!"... האב איך מיר, הייסט דאס, מיין האלבע שטוב, א שטיקל נחלת, נישט צו פארזינדיקן. נאר איך בעט אייך, צו וואס באדארף אן אלמנה, משטיינס געזאגט, מיט איין־און־איינציק קינד א גאנצע האלבע שטוב? פאראן ווו דעם קאפ אנידערלייגן — גענוג! ובפרט, אז מע באדארף זי דעקן, די שטוב, זי שטייט שוין היפשע עטלעכע יאר נישט געדעקט שטייט זי; דעקוטשעט ער מיר, דער זיסער שוואגער מיינער, עזריאל הייסט דאס, מע זאל זי דעקן!... „ציים, זאגט ער, מע זאל זי דעקן!" „נו, זאג איך, למאי־זשע דעקט מען זי נישט?" זאגט ער: „לאמיר זי דעקן"... זאג איך: „לאמיר זי דעקן"... דעקן־דעקן, דעקן־דעקן — און דערביי בלייבט דאס. ווארעם אף דעקן באדארף מען שטרוי, פון שינדל שמועסט מען נישט, ווו האב איך אף שינדל? פארדינג איך צוויי חדרים פארדינג איך. אין איין תדדל זיצט בא מיר חיים־חנה דער טויבער, אן אלטער מאן, שוין עובר־בטל. די קינדער צאלן מיר פאר אים פינף גילדן א וואך דירה־געלט, און עסן עסט ער בא זיי, א טאג איבער א טאג, דאס הייסט, א טאג עסט ער און א טאג פאסט ער, און דעם טאג, וואס ער עסט, עסט ער אויך מכות. אזוי זאגט ער, חיים־חנה דער טויבער. און אפשר איז דאס א ליגן אפשר? אלטע לייט האבן ליב ווארטשען; וויפל מען גיט זיי, איז ווייניק, ווו מע זעצט זיי, איז שלעכט, און ווו מע לייגט זיי, איז הארט...

— יא, אקעגן וואס איז דאס געקומען צו רייד? אקעגן דעם, וואס איר זאגט: שכנים... קיין גוטער ייד זאל זיי נישט קענען! מילא יענער, דער טויבער, איז א טויבער, כאטש א שטילער שכן, ווי זאגט איר: מע הערט אים נישט און מע זעט אים נישט... האט מיך אבער דער גוטער יאר געטראגן, איך זאל דעם אנדערן חדר פארדינגען דער מיטניטשקע, גנעסע הייסט זי. זי האלט א קלייטל פון מעל האלט זי. א גוטע שטוקע!... תחילת, איר זאלט זען, איז זי געווען ווייך, ווי א האניקטייגל, קוצעניר מוצעניו, נשמחניו, הארצעניו, זי וועט מיר דאס, זי וועט מיר יענס... וואס באדארפט זי דען, משטיינס געזאגט? א שטיקל אויוון אף צושטעלן דאס טעפל, אן עק בענקל אף אויסזאלצן דאס שטיקל פלייש איין מאל אין זואך, און א ברעג טישל אף אויסקאטשען א בלעטל לאקשן איין מאל אין א יובל... „און די קינדער, זאג איך, ווו וועט איר אהינטאן די קינדער אייערע ווו? איר האט דאך, גנעסע, זאלן געזונט זיין, קליינע קינדער האט איר דאך!"... „ווייס איך, זאגט זי, וואס איר רעדט, יענטע־לעבן! איר ווייסט דען, וואס דאס איז פאר קינדער? בריליאנטן, נישט קיין קינדער! זומער־לעבן וואלגערן זיי זיך אין דרויסן א גאנצן טאג, און ווינטער פארקלייבט מען זיך אפן אויוון, ווי די שעפעלעך, און מע הערט נישט פון זיי קיין פיפס. איין חסרון נאר, וואס זיי דארפן, קיין עין־הרע, א סך, האבן ליב קיינען, פיסערס, קיין עין־הרע"... נו־נו! אוודאי האב איך מיר געקויפט אן אומגליק אף מיינע שונאימס קעפ! מילא קינדערלעך — איינס און איינס, איבערגעוואשענע, נאט זאל נישט שטראפן פאר די רייד, א שטיקל ברויט איז פאר זיי נישט אויפצועסן! טאג ווי נאכט איז בא זיי הו־הא! מע שרייט און מע קוויטשעט, מע הרגעט זיך און מע שלאגט זיך — א גיהנם! וואס זאג איך א גיהנם? דער גיהנם, זאג איך אייך, איז גאלד!... נאר מיינט נישט, אז איר זייט פארטיק. דאס וואלט נאך געווען א האלבע צרה, ווארעם א קינד קאן מען איינשטילן: א זעץ, א פאטש, א קניפ — פארט א קינד! האט איר נאט געגעבן א מאן, עוזר הייסט ער; איר מוזט אים קענען, ער איז אונטער־שמש אין אונטערשטן קלייזל, נעבעך א כשרער ייד און, דאכט זיך, נאר נישט אזא גרויסער נאר אויך; זאלט איר הערן, ווי זי באגראבט אים, גנעסע הייסט דאס: עוזר, אהין! עוזר, אהער! עוזר, דאס! עוזר, יענס! עוזר־עוזר! עוזר־עוזר!... און ער — אדער ער זאגט־אפ א ווערטל (ער איז נאך א ווערטל־זאגער צו די צרות), אדער ער רוקט־אן דאס היטל און גייט אוועק... ס'איז נאר, זאג איך אייך, א הצלחה און גענוג!...

— יא, אקעגן וואס איז דאס געקומען צו רייד? אקעגן דעם, וואס איר זאגט: שלעכטע שכנים... שלעכט צו שלעכט איז נישט גלייך! לאז מיר דאס דער רבונו־של־עולם נישט פאררעכענען פאר קיין לשון־הרע; איך דארף אף איר, וואס איז שייך, קיין שלעכטס נישט ריידן. וואס האב איך צו איר? זי איז א יידענע, וואס האט ליב געבן אן ארעמאן א שטיקל ברויט. נאר דער גוטער יאר זאל זי וויסן: אז עס קומט איר אן די מאנ־קאליע — זאל נאט שומר ומציל זיין! ס'איז א בזיון צו דערציילן: קיין אנדערן וואלט איך דאס געוויס נישט געזאגט, נאר בא אייך, ווייס איך, וועט דאס זיין א סוד... ששש... זי פאטשט אים אונטער... דעם מאן, חייסט דאס... אז קיינער זעט נישט... „אי, זאג איך צו איר, גנעסע, גנעסע! ווי האט איר קיין מורא נישט פאר נאט? פאר נאט ווי האט איר קיין מורא נישט?".. זאגט זי: „ס'איז נישט אייער באבעס דאגה"... זאג איך: „א שיינע ריינע כפרה"... זאגט זי: „לאז דער זיין די כפרה, ווער עס קוקט אריין אין יענעמס טעפל"... זאג איך: „לאז דעם ארויס די אויגן, ווער עס האט קיין בעסערס נישט געזען"... זאגט זי: „לאז דעם פארלייגן, ווער עס הערט זיך צו"... וואס זאגט איר אף אזא פיסקאטשע?...

What were we saying, now? Yes, you said, *your own house* .... Naturally it's better to have a little corner of your own. "What's mine is mine," as they say, "and not anyone else's." So I have my bit of what's mine, my half a house. I can't complain. But I ask you, why does a poor widow with a one-and-only child need all of half a house? A place to lay my head, that's plenty! Especially when the place needs a roof—it's been years since the house had a decent roof on it. He kept pestering me, my sweet brother-in-law (Ezriel, I mean), that the house needs to be covered by a roof! "It's time," he said, "for it to be covered!" "So cover it," I said. So he said, "Let's cover it!" "Right," I said. "Let's cover it." Cover-cover, cover-shmover—that's how things remained. Because for a roof you need straw, not to mention shingles. Where could I get the money? Well, I rented out two rooms, see. One little room to Chaim Chono, an old man, deaf and already senile. His children pay me five gulden a week for rent, and he eats at their place every second day. That is, one day he eats and one day he fasts. And on the day that he eats, he eats boils and scabs. That's what he says (Chaim Chono, I mean), and maybe it's a lie—maybe old people grumble, you know. No matter how much you give them, it's not enough; wherever you sit them down, the chair's too hard; whatever you do for them, it's the wrong thing. . .

Now, what were we saying? Yes, you said, *boarders* . . . No decent Jew should have to trouble with them! Still, Chaim Chono's deaf, a quiet boarder. As they say, "never seen, never heard." But it was my luck to rent out the other room to Gnessi. She's a flour dealer, see—has a stall for flour. Some piece of goods! But you should have seen her at the start: soft as honey-pie, all sweetness and light, couldn't do enough for me. Butter wouldn't melt in her mouth. What did *she* need, after all? A corner of the oven to heat her pot, that's all; the edge of the board once a week, maybe, to salt her scrap of meat; an inch or two of the table, once in a blue moon, for rolling her strip of noodle dough. "And the children?" I asked her. "Where will you put your children, where? Gnessi, I know you have children, they should be well." So she said, "What are you talking about, Yente darling? Do you know what kind of children they are? *Children!* They're diamonds, not children! Summer, they roam outside all day long. Winter, they climb up on a shelf over the oven, like sweet lambs. You won't hear a peep from them."

A pretty kettle of fish I got myself into—may it happen to all my enemies! Some children! God forgive me for my words, but one brat's worse than the other! A piece of bread isn't enough for them! Day and night they're at it. They scream, they tear and claw, they murder each other. It's hell! What am I saying, *hell*? Hell's paradise, I tell you, compared to them! And that's not all. In fact, that's not even the problem. Children you can deal with. A whack, a pinch, a smack—after all, they're children! But God sent her a husband. Oyzer's his name. I'm sure you know him, he's the assistant *shammes* in the lower prayer-house. A kosher Jew, poor thing, and no fool either, it seems; but you should hear how she lets him have it, Gnessi I mean. Oyzer, here! Oyzer, there! Oyzer, this! Oyzer, that! Oyzer-Oyzer! And him, either he makes some wisecrack (he's a smart aleck too, on top of everything else), or else he grabs his hat and goes off. I tell you, it's a great success, that marriage—a real winner and that's all! . . .

What were we saying? Yes, you said, *bad neighbors* . . . Bad isn't the word! I hope God Almighty won't think I have an evil tongue. Anyway, *I* don't have to be the one to spread rumors. What do I have against her? She's a woman who likes to give bread to the poor. But who can figure her out? When she gets into one of her moods, God help and defend us all! It's a shame to talk of it—I wouldn't say it to anyone else, but with you, I know, it'll stay a secret. . . . *Shh* . . . . She beats him up—her husband, I mean, when no one's looking! "Oy!" I said to her, "Gnessi, Gnessi! Aren't you afraid of God? Of God, Gnessi, you're not afraid?" So she said, "Go bother your grandmother." So I said, "The devil take it!" So she said, "Whoever keeps an eye on someone else's pot, let that person be the scapegoat!" So I said, "Whoever has nothing better to watch than *that* pot, should have his eyes taken out." So she said, "May every eavesdropper drop dead!" What do you say, Rabbi, to such a big mouth? . . .

וואס דו ווילסט, נאר מײַן קינד זאלסטו בא מיר ניט צונעמען זאלסטו ניט!"... און אז גאט האט מיר געשענקט די מתנה, ער איז געזונט געווארן, מאכט ער צו מיר: „דו ווייסט, מאמע? איך קאן דיר אפגעבן א גרוס פונעם טאטן. דער טאטע איז בא מיר געווען צו־גאסט"... דערהערט די דאזיקע ווערטער, איז מיר שיר די נשמה ארויס, און דאס הארץ — טיאך־טיאך־טיאך!... „לאז ער זיך מיִען, זאג איך. א סימן, אז דו וועסט, אם ירצה השם, לאנג לעבן און זײַן געזונט"... אזוי זאג איך אים, און דאס הארץ — טיאך־טיאך־טיאך!... ערשט אט־שפעט, אין א צײַט ארום, ווער איך געוואר, אז דער, וואס איז געווען אנגעטאן אין ווײַסן און געפאטשט מיט די הענט, ווייסט איר, ווער דאס איז געווען? אנו, טרעפט, רבי, איר זײַט דאך א חכם! — רב ליפא איז דאס געווען, ליפא דער וואסערפירער! ער האט זיך יענעם טאג, פארשטייט איר מיך, געקויפט א נײַעם פעלץ א ווײַסן, און מחמת דער פראסט האט געברענט, האט ער זיך געוואלט א ביסל דערווארעמען, האט ער געפאטשט א האנט אן א האנט — מײַנע צרות אף זײַן קאפ! האט איר געהערט א השגה, א ייִד זאל זיך אנטאן אין א ווײַסן פעלץ נאר אין מיטן דרינען?...

— יא, אסענן וואס איז דאס געקומען צו רייד? אסענן דעם, וואס איר זאגט: געזונט... — דאס איז דער עיקר. אזוי זאגט דער דאקטער אונדזערער און הייסט מיר, איך זאל אים פילנעווען זאל איך אים, קאכן יאיכלעך, אלע טאג א יאיכל, זאגט ער, כאטש פון א פערטל עוף, אויב איך קאן, זאגט ער, אויספירן, האדעווען אים, זאגט ער, מיט מילך און מיט פוטער און מיט טשעקאלאד, אויב איך קאן, זאגט ער, אויספירן... א שיינער משל — אויב איך קאן אויספירן? אפנים, ס'איז דען פאראן איין זאך אף דער וועלט, וואס איך זאל פון דווידלס וועגן ניט קאנען אויספירן? ס'איז עפעס א תירוץ? און אז מע זאל מיר זאגן, אשטײגער, כדומה למשל: גיי, יענטע, גראב ערד, האק האלץ, טראג וואסער, קנעט לײם, באגנבע א קלויסטער, אבי פון דווידלס וועגן — איז אפילו אין מיטן האלבע נאכט אינעם גרעסטן פראסט! אט האט זיך אים פארוואלט הײַנטיקן זומער ביכלעך אזעלכע, ספרים מסתמא, וואס איך האב זיי ניט, און מחמת איך גיי־ארײַן אין די גרעסטע הײַזער גיי איך, האט ער מיך געבעטן, טאמער קאן איך אים קריגן די דאזיקע ביכלעך, צי די ספרים, און האט מיר פארשריבן אף פאפיר האט ער מיר. קום איך צו גיין און באווײַז דאס פאפיר און בעט בא זיי די ביכלעך, צי די ספרים, איין מאל און צוויי מאל און דרײַ מאל. לאכן זיי פון מיר: „צו וואס טויג אײַך, יענטע, אזעלכע ביכער? איר האדעוועט מיט זיי די עופות, די גענדז מיט די קאטשקעס?"... „לאכט, לאכט, טראכט איך מיר, אבי מײַן דווידל וועט האבן אין וואס ארײַנצוקוקן וועט ער האבן"... גאנצע נעכט, גאנצע נעכט קוקט ער ארײַן אין די דאזיקע ביכלעך, צי די ספרים, און בעט מיך, איך זאל אים ברענגען נאך און נאך. וועל איך אים זשאלעווען? טראג איך אפ די און נעם נאך... קומט צו גיין א חכם א דאקטער און פרעגט מיך, צי קאן איך אויספירן פון זײַנעטוועגן אלע טאג א יאיכל כאטש פון א פערטל עוף? און פון דרײַ פערטל עוף, אז מע באדארף, וועל איך זוכן אף דרך־ארץ? פון וואנען נעמט זיך, פרעג איך אײַך, אזעלכע דאקטוירים אף דער וועלט? ווו וואקסן זיי אויס? אף וועלכע הייוון ראשטשינעט מען זיי און אף וואסער אויוון באקט מען זיי?...

— יא, אסענן וואס איז דאס געקומען צו רייד? אסענן דעם, וואס איר זאגט: יאיכלעך... שטעל איך אים צו אלע טאג א יאיכל פון א פערטל עוף, און פארנאכט, אז ער קומט צו גיין פונעם לערנען, עסט ער, און איך זעץ מיך אוועק אקעגן מיט אן ארבעט אין דער האנט און ווער גרעבער ווי לענגער ווער איך, און איך בעט גאט, גאט זאל מיר העלפן, איך זאל אים מארגן, אם־ירצה־השם, ווידער קאנען צושטעלן א יאיכל פון א פערטל עוף... „מאמע, זאגט ער מיר, פאר וואס עסטו נישט מיט מיר?" „עס געזונט, זאג איך, איך האב שוין אפגעגעסן"... „וואס האסטו געגעסן?" זאגט ער. „וואס איך האב געגעסן, זאג איך, האב איך געגעסן, אבי איך האב שוין געגעסן. עס געזונט!" און אז ער לערנט־אפ די ביכלעך, צי די ספרים, נעם איך ערשט דעמאלט ארויס פונעם אויוון א פאר געבאקענע קארטאפל נעם איך, אדער איך רײַב אן א שטיקל ברויט מיט ציבעלע רײַב איך, און מאך מיר א סעודה... און איך שווער אײַך בנאמנות, איך זאל אזוי דערלעבן אן אים נחת מיט אלדאס גוטס, אז איך האב הנאה פון דער דאזיקער ציבעלע א סך מער, ווי פון דעם שענסטן געבראטנס, ווי פון דער בעסטער יויך, ווארעם איך דערמאן מיך, אז דווידל האט, קיין עין־הרע, געגעסן א יאיכל פון א פערטל עוף, און, אם־ירצה־השם, אף מארגן איז ווידער פאראן א יאיכל פון א פערטל עוף!... איין שטיקל חסרון נאר — אט דאס הוסטן, וואס ער הוסט נעבעך אלע מאל: קאכי־קאכי! קאכי־קאכי!... איך בעט דעם דאקטער בעט איך, ער זאל אים עפעס געבן צום הוסט. זאגט ער: „וויפל איז אלט געווען דער מאן מײַנער, משה־בנציון עליו־השלום, בשעת ער איז געשטארבן, און פון וואס איז ער געשטארבן?"... „פונעם טויט, זאג איך, איז ער געשטארבן, פונעם טויט. ס'איז אים אויסגעגאנגען, זאג איך, יארן, איז ער געשטארבן... וואס איז דאס פאר א משל אהערצוצו?"... „איך באדארף דאס וויסן, זאגט ער, איך האב באטראכט אײַער זון, איר האט א ווילן זון, א געראטענעם"... „א שיינעם דאנק אײַך, זאג איך, דאס ווייס איך אליין. איך

After God granted me the gift, made my son well again, Dovidel said to me, "Know what, mother? I've got regards for you from Father. Father came to visit me." Well, I felt the life go out of me and my heart pounding, *bam, bam, bam!* "Let him intercede for us," I said; "it's a sure sign you'll live long, God willing, and be well." That's what I said, with my heart going *bam, bam, bam!* It was only much later, quite a while afterwards, that I found out about the one dressed in white. He was, do you know who?... Well, guess, Rabbi. After all, you're a wise man!... Reb Lippa, that's who it was, Lippa the water-carrier! Just that day, see, he had to go and buy himself a new fur pelt, a white one yet. And since there was a burning frost outside, he decided he'd like to warm himself, so he stood there clapping one hand against the other. May my troubles come to rest on his head! Did you ever hear of such nerve? That a Jew should suddenly put on a white fur pelt, without rhyme or reason!

Now, what were we saying? Yes, you said, *health*.... Health, that's the main thing. That's what our doctor says. He told me I should give him pills (my Dovidel, that is), and cook broths, see, every day a broth, made from at least a quarter chicken. And if I can manage it, he said, I should also feed him with milk and butter, and with chocolate, too, he said, if I can manage *that*. A fine story—*if* I can manage it! Think, is there anything in the world I couldn't manage for my Dovidel? Just suppose, for some reason, they'd tell me, "Go Yente, dig the earth, chop wood, carry water, knead clay, rob a church, just for Dovidel." Would I find some excuse not to? I'd do it in a split second, even in the middle of the night, in the biggest frost! Look, he took a notion this summer (my Dovidel I mean) that he wanted certain books, prayer books probably. And since I go into the best houses, see, he asked me could I get him these books, or prayer books, and he wrote me down the books on paper. So I came and showed them the paper and asked for the books, or prayer books... once, twice, three times. They laughed at me. "Yente," they said, "why do you need such books? Do you feed the hens with them, or maybe the geese and ducks?" "Laugh, laugh," I thought to myself, "as long as my Dovidel has what to read." All night long, night after night, he looked through those books, or prayer books, and asked me to bring him more and more. Should I begrudge him? I brought those back and took others. And here that doctor came, the wise-guy—"Can you manage, for Dovidel's sake, to make a broth every day, from at least a quarter chicken?" Rabbi, if he'd said three quarters of a chicken, would I have tried to find a way out? Where in the world, I ask you, do such doctors come from? Where do they grow? What sort of yeast do they use to cook them up? What kind of ovens?...

What were we saying? Yes, you said *broth*... Every day I've made a broth for him (my Dovidel, I mean) from a quarter chicken, and in the evening, when he comes home from his studies, he eats and I sit opposite him with some work in my hands, and I feel just ready to burst with joy. And I pray to God, God should help me so that tomorrow, God willing, I'll be able to prepare another broth from a quarter chicken. Sometimes he'll say to me, "Mother, why don't you eat with me?" So I say, "Eat and be healthy. I ate already." So he says, "What did you eat?" "What I ate, I ate," I say, "so long as I ate. Eat well." And when he's done with studying the books, or prayer books, it's only then, see, that I'll take a couple of baked potatoes from the oven, or else I'll rub a piece of bread with onion, and make myself a feast. And I swear to you by all that's holy—I should only live so long and see my Dovidel happy—that I get more pleasure from that piece of onion than I'd get from the most delicious meal, because I remember that Dovidel (God preserve him) just ate a broth made from a quarter chicken, and tomorrow, God willing, there'll be another broth made from a quarter chicken.

Still, there's one little problem—that cough he coughs all the time, poor thing. I begged the doctor, see, to get him something for the cough. So he said (the doctor I mean), "How old was your husband when he died, and what did he die of?" So I said, "He died of death. His years ran out, see, and he died. What kind of comparison is that to this?" So he said, "I need to know it. I've examined your son," he said. "You have a

